# פאראד
## ל"ג בעומר תשד"מ
# עם הרבי

כח

## תהלוכת ל"ג בעומר

יוצא לאור במסגרת
'פארברענגען עם הרבי'

©
Published and Copyrighted by
**"VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI"**
770 Eastern Parkway, Brooklyn N.Y. 11213
Tel: (718) 771-9674
Email: vaadhatmimim@gmail.com
5771-2011

עימוד ועיצוב: *y.w. designgrafic*

תמונות הרבי נדפסו
באדיבות חברת המדיה JEM

---

Printed by:
**The Print House**
538 Johnson Ave. Brooklyn, NY, 11237
718.628.6700

ב"ה

# פתח דבר

לקראת יומא דהילולא דרשב"י, יום הבהיר ח"י אייר - ל"ג בעומר - הוד שבהוד, הננו מוציאים לאור סרט-צילום מ"**פאראד ל"ג בעומר**" תשד"מ, בהשתתפותו של הוד כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע.

וידאו ייחודי זה יוצא במסגרת סדרת "**פארברענגען עם הרבי**", היוצאת לאור על ידי "**ועד תלמידי התמימים העולמי**" וחברת **JEM** במשך השנים האחרונות, ומזכה את אלפי תלמידי התמימים ואנ"ש בכל רחבי תבל, להשתתף ב"פארברענגען עם הרבי" בבחינת "יהא רואה בעל השמועה כאילו עומד כנגדו".

כמנהגנו, השיחות בקלטת זו נערכו עם תרגום מילולי ע"ג המסך. התרגום המופיע על גבי המסך, נערך בצורה מילולית באידיש, בלה"ק, באנגלית, בצרפתית, בספרדית, וברוסית - מתוך השתדלות להיצמד ככל האפשר ל"לשון הרב", למעט מקרים בודדים בהם נעשה תרגום עניני יותר, להבנת הענין לאשורו.

•

קובץ זה יוצא לאור כדי לשמש כעזר וכסיוע להכנת תוכן ההתוועדות מראש, ובו 'הנחה': **א) בלשון-הקודש** - באדיבות 'ועד הנחות בלה"ק', ותודתנו נתונה להם בזה **ב) בתרגום לאנגלית** - באדיבות מערכת "Sichos In English", ותודתנו נתונה להם בזה **ג) באידיש** - רשימה מילולית מדברי כ"ק אדמו"ר ב'פאראד'.

לאורך ההנחה פרוסים תמונות ממהלך הפאראד דשנת תשד"מ המתפרסמים כאן לראשונה. התמונות באדיבות חברת המדיה **JEM** ותודתנו נתונה להם.

•

ויהי-רצון, אשר בזכות ה'קאָך' בלימוד תורת רבינו, ובפרט באופן ש"רואה בעיניו ממש את המשלח, נשיא דורנו, שנותן לפניו היום שליחות זו", נזכה במהרה לקיום היעוד ד"תורה חדשה מאתי תצא", ונזכה לחזות באור פני מלך חיים, ולהשתתף בגשמיות ובמוחש בעוד פארברענגען עם הרבי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

**ועד תלמידי התמימים העולמי**

ב' אייר תשע"א
יום הולדת כ"ק אדמו"ר מוהר"ש נ"ע
בית חיינו - 770, ברוקלין, נ.י.


The Living Archive


The Living Archive

**בס"ד. שיחת ל"ג בעומר - בעת ה"פּאַראַד" - ה'תשד"מ.**

בלתי מוגה

א. אמרו את הי"ב פסוקים ומאמרי חז"ל.

אח"כ הכריזו ג"פ "יחי אדונינו מורינו ורבינו", ואח"כ ניגנו "ווי וואָנט משיח נאַו".

אח"כ ניגן הש"ץ ר' משה שי' טעלישעווסקי "יהי רצון כו' שיבנה בית המקדש במהרה בימינו כו'".

* * *

ב. מ'האָט זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן צו דער געלעגנהייט וואָס ס'איז ל"ג בעומר (דריי און דרייסיק טעג בעומר), וואָס אויף דערויף איז אָנגעוויזן געוואָרן אין דער גמרא – אין תורה שבעל פה – וואָס זי איז אויך געגעבן געוואָרן צו משה רבינו מסיני, ווי דער רמב"ם שרייבט בהקדמתו צו זיין ספר "משנה תורה", אַז "התורה בפירושה ניתנה", צוזאַמען מיט תורה שבעל פה,

און אויך ווי ער זאָגט אין ירושלמי נאָכמערער, אַז אין די לוחות, צוזאַמען מיט די עשרת הדברות איז געווען אויך געשריבן – "מזה ומזה הם כתובים" – אויך אפילו דאָס "מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש",

עאכו"כ – זיכער – אַזאַ פּאַסירונג וואָס ווי די גמרא דערציילט, איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט רבי עקיבא'ס תלמידים, און דורך דערויף – פאַרבונדן מיט רבי עקיבא אַליין, וואָס ער איז דאָך געווען "כולהו אליבא דרבי עקיבא", דער מקור פון גאַנץ תורה שבעל פה,

איז דאָס אויך געגעבן געוואָרן צו משה'ן באַם באַרג סיני, און דערנאָך איז דאָס נתגלה געוואָרן – אַנטפּלעקט געוואָרן – דורך דעם "תלמיד ותיק" אין דער פּאַסענדער צייט,

אַזוי אויך די פּאַסירונג וואָס צוליב דעם פייערט מען און מ'איז חוגג – מ'מאַכט אַ יום טוב – פון אַ טאָג, וואָס לולי זאת, לולי דער סיבה, וואָלט דאָס געווען אַ וואָכעדיקער טאָג – מאַכט מען דערפון אַ יום-טוב, און נאָך אַ יום-טוב מיט אַ שמחה, און מיט אַ "שמחה גדולה".

וואָס אין דערויף איז דאָך דאָ די צוויי הויפּט-טעמים:

דער טעם וואָס ער זאָגט אין גמרא, אַז דעמולט איז בטל געוואָרן, און רבי עקיבא'ס תלמידים זיינען געבליבן און געלעבט; "פסקו למות", און זיי האָבן געלעבט און מפיץ תורה געווען, וואָס ביז דעמולט איז געווען ניט אַזוי,

און דאָס איז פאַרבונדן – ווי יעדער זאַך וואָס טרעפט אין וועלט, ספּעציעל אַ זאַך וואָס איז נוגע אַ סך אידן אין פאַרבינדונג מיט תורה – מיט דער אויפפירונג פון די אידן, וואָס

דעמולט איז געווען ״לא נהגו כבוד זה בזה״, דער ענין פון ״אפּגעבן כבוד איינער דעם צווייטן ווי ס׳פּאַסט פאַר תלמידי רבי עקיבא.

וואָס ס׳איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז וויבאַלד אַז תורת אמת רופט זיי אָן, אַז זיי זיינען רבי עקיבא׳ס תלמידים – איז דאָך פאַרשטאַנדיק מיט וואָס פאַר אַ כבוד מ׳דאַרף זיך באַציען צו זיי,

און ספּעציעל – אַ צווייטער תלמיד פון רבי עקיבא, וואָס ער האָט דאָך אַ פאַרשטאַנד און האָט געלערנט וועגן רבי עקיבא׳ס גרויסקייט, און ווי אַזוי רבי עקיבא האָט זיך געקאָכט – ווי מ׳האָט ערשט-אָ געחזר׳ט, אַז רבי עקיבא אומר, אַז ״ואהבת לרעך כמוך״ איז דאָס ״כלל גדול בתורה״, איז בערך לויט דערויף וואָס מ׳האָט געדאַרפט ערוואַרטן ווי אַזוי ס׳זאָל זיין זייער באַציאונג, אַ כבוד-באַציאונג פון איינער צום צווייטן – איז דאָס געווען ניט גענוג.

וואָס דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם טאָג פון ל״ג בעומר, וואָס דעמולט איז בטל געוואָרן די גזירה, וואָס די גזירה איז דאָך פאַרבונדן מיט אַ טעם, איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז ס׳איז בטל געוואָרן דער טעם, אַז פון דעמולט אָן, איז אין צוגאָב וואָס בכלל איז געווען ״ואהבת לרעך כמוך״ בלאו הכי,

– עס קען דאָך ניט זיין, אַז תלמידי רבי עקיבא זאָלן ניט מקיים זיין די הוראה – די אָנווייזונג – פון זייער רבי׳ן, פון רבי עקיבא׳ן, און – אַן אָנווייזונג אויף וועלכע ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ ״כלל גדול בתורה״, און נאָכמערער – ״ואידך״ – די גאַנצע תורה – איז ״פירושה הוא״, דאָס קומט אַלס אַ פּירוש און אַלס אַן ערקלערונג און אַלס אַ פאַנאַנדעראַרבעטונג פון דעם כלל פון ״ואהבת לרעך כמוך״.

דאָ האָט זיך אָבער געהאַנדלט און ס׳האָט זיך גערעדט, אַז ס׳זאָל זיין אַ כבוד צוגעפּאַסט צו אַ תלמיד פון רבי עקיבא׳, און ווי דאָס דאַרף אָפּגעגעבן ווערן פון אַ תלמיד פון רבי עקיבא׳ן, וואָס ער ווייס די טייערקייט פון אידן בכלל, בפרט נאָך לויט די אָנווייזונג פון רבי עקיבא׳ן בנוגע צו זיינע תלמידים –

איז אויך אָט דאָס נתתקן געוואָרן – פאַרריכט געוואָרן – און פון דעמולט אָן, אַז ס׳קומט ל״ג בעומר, דערמאָנט דאָס, צום אַלעם ערשטן, וועגן דעם ״כלל גדול בתורה״ פון ״ואהבת לרעך כמוך״, אַז ס׳איז ניט גענוג וואָס ער איז אים ח״ו רירט אים ניט אָן, אָדער ער גיט אים אָפּ אַ כבוד אין אַ ״מהיכי תיתי״, אין אַן איינפאַכן וועג, אָדער אפילו מער ווי איינפאַך, אין אַ גרויסן וועג, דאָס איז אָבער ניט גענוג לויט דער גרויסקייט פון דעם מיט וועמען ער טרעפט זיך.

וואָס בכלל איז דאָך יעדער איד אַן ״עולם מלא״, ביז וואַנעט, ווי מ׳האָט ערשט-אָ געזאָגט, אַז דער אויבערשטער – וואָס ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אַלס הקדמה דערצו – וואָס ״מלוא כל הארץ כבודו״, וואָס ער פירט-אָן מיט דער גאַנצער וועלט, לאָזט ער אָפּ כביכול אַלע זיינע ענינים, און ״נצב עליו״, ער שטעלט זיך און שטייט-ביי באַ יעדער אידן ביי זיין זייט און גיט זיך אָפּ אויף צוקוקן זיך ״אם עובדו כראוי״: ווי פירט זיך אויף אָט דער איד.

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף יעדער אידן אָן אויסנאַם: וויבאַלד אַז דער שטאַמט פון די אבות, וואָס זיי זיינען געווען "הן הן המרכבה", און ווי אויך בפשטות, ער שטאַמט פון יעקב אבינו, וואָס ביי אים איז דאָך אויך געווען דער "נצב עליו" – איז חזר'ט דאָס איבער באַ יעדער אידן עד סוף כל הדורות,

ניט קוקנדיק ווי ס'איז געווען זיין אויפפירונג מיט אַ רגע לפני זה – איז דער אויבערשטער, וואָס ער האָט אים באַשאַפן און ער מאַכט אים לעבעדיק, און ער גיט אים אַלע ברכות – ווי מ'האָט ערשט געלייענט אין דער פרשה שבת, אַז דער אויבערשטער זאָגט, אַז "אם בחוקותי תלכו", און ווי תורה טייטשט-אָפּ, אַז דער אויבערטשער בעט זיך, און גיט כח יעדער אידן, אַז ס'זאָל זיין "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם" –

גיט דער אויבערשטער די אַלע ברכות, ביז אַז "והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם", אַז דער אויבערשטער נעמט-אָן אויף זיך, אַז ער פירט-אָן מיט יעדער אידן, און איז מבטיח און בענטשט און מצליח יעדער אידן, אַז ער ווערט דעם אויבערשטנ'ס אַן עבד און דעם אויבערשטנ'ס אַ בן, ווי אַ קינד לאבינו שבשמים,

ביז "ואולך אתכם קוממיות", אַז יעדער קינד גייט מיט אַ שטאָלצקייט און מיט אַן אויפגעהויבענער קאָפּ, וואָס ער איז שטאָלץ דערמיט וואָס ער האָט זוכה געווען און איז אַ איד און דער אויבערשטער האָט אים געגעבן זיין תורה און זיינע מצוות, "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל",

און האָט דאָס געגעבן – ווי מיר זאָגן יעדער טאָג – אין אַן אופן פון "נותן התורה", וואָס "כל הנותן בעין יפה נותן": געגעבן דאָס מיט אַ פריילעכן פּנים און מיט אַ ליכטיקן פּנים און מיט אַ שיינעם פּנים,

און אין אַן אופן אַז "התורה היא נצחית", אַז דאָס ווערט אַן אייביקע ירושה ביי יעדער אידן, ווי מ'האָט אויך ערשט געזאָגט בנוגע אַז דאָס איז "מורשה קהילת יעקב" די "תורה צוה לנו משה",

און ווי דער דין איז ביי אַ ירושה, אַז אויב ער איז נאָר אַ קינד – איז דעמולט ירש'נט ער אינגאַנצן; מ'רעכנט זיך ניט מיט זיינע מעלות און מיט זיינע מעשים, און דאָס ווערט זיין ירושה.

און די ירושה עצמה – דאָס אַליין גיט אים דעם כח און גיט אים די לעבעדיקייט און גיט אים די שטאַרקייט, אַז ס'זאָל זיין דער "בחוקותי תלכו ומצוותי תשמרו ועשיתם אותם".

עאכו"כ אין דעם ציווי – אין דעם אָנזאָג – פון "ואהבת לרעך כמוך" – ובלשון פון דעם רמב"ם, אַז דאָס איז דער ענין פון "אהבת ישראל" – אַז דאָס דאַרף זיין "כמוך", אַז מ'פירט דאָס דורך אין דער פולסטער מאָס ווי ס'פּאַסט פאַר אַ אידן, וואָס ער איז דאָך דער שליח פון דעם אויבערשטן אויף "לעשות לו ית' דירה בתחתונים", אַז דאָ אין דער וועלט זאָל מען זען ג-טלעכקייט אויף יעדער טריט און שריט,

טוט ער אַלץ וואָס הענגט-אָפּ אָן אים אויף דאָס דורכפירן.

וואָס דאָס איז דאָך אָנגעזאָגט געוואָרן, יעדער איד, אָן קיין אונטערשייד, סיי מענער און סיי פרויען – זיינען אויך אָנגעזאָגט געוואָרן קליינע קינדער, ווי געזאָגט פריער, אַז "מורשה קהילת יעקב", אַ יורש איז גלייך ווי ער ווערט געבאָרן און גייט אַרויס לאויר העולם, האָט ער שוין גאַנץ תורת משה, און האָט דאָס אין זיין פולן באַזיץ, אין זיין פולן רשות,

און דערנאָך ניצט ער אויס די ברכה וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן גלייך ווען ער ווערט געבאָרן, אַז "משביעין אותו תהי צדיק", אַז ער באַקומט די אַלע כוחות, אַז דער זאָל זיין ניט נאָר אַ בינוני, נאָר אויך זיין אַ צדיק, ביז – אַ צדיק גמור, אויף דורכפירן דאָס אין דעם טאָג-טעגלעכן לעבן.

ואדרבא, ביי קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן ניט קיין דאגות פון דער וועלט, פון פרנסה און ענליכעס, און זיי זיינען געבענטשט מיט עלטערן וואָס זיכער פירן זיי זיי אין דעם גוטן וועג און דעם ליכטיקן וועג, און זיי האָבן ניט קיין ענינים המבלבלים – קענען זיי דאָך דאָס אויספירן – אָנהויבנדיק פון "נהגו כבוד זה בזה" – אין דער פולסטער מאָס.

וואָס דאָס ווערט דאָך אויך אויסגעדריקט:

אָט דאָס אַליין וואָס קינדער האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן אין אַ גרויסן מספר – אין אַ גרויסער צאָל:

אע"פ וואָס זיי שטאַמען דאָך פון פאַרשידענע הייזער און פון פאַרשידענע עלטערן, וואָס "אין דיעותיהן שוות זה לזה": זיי האָבן פאַרשידענע דעות און פאַרשידענע וועלט-אַנשאַאונג און פאַרשידענע דרכים אין דעם חינוך פון די קינדער – איז פונדעסטוועגן קלייבט מען זיך אַלע צוזאַמען, און מ'זיצט אַלע צוזאַמען מיט כבוד זה לזה, און מ'באַשליסט אַלע צוזאַמען אויף נאָכמער שטייגן אין לימוד התורה – און לערנען תורה – און נאָכמער שטייגן אין מקיים זיין מצוות – אויך די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך",

וואָס דאָס איז דאָך אויך פאַרבונדן אין דאָס אויבנדערמאָנטע, אַז מ'ווירקט-איין – אַן אינגעלע אויף אַן אינגעלע און אַ מיידעלע אויף אַ מיידעלע – אַז אויך זיי זאָלן מקיים-זיין דעם "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם" –

אָט דאָס איז מבטל אַלע ענינים בלתי רצויים, און ס'ווערט נמשך און ס'קומט אַראָפּ בפועל, דאָ אין עולם הזה הגשמי, צו יעדערע פון די קינדער, און דורך זיי אויך – צו יעדערע פון זייערע עלטערן און צו יעדערע פון די וואָס זיינען מחנך אָט די קינדער אין דעם אויבערשטנ'ס וועג און אין דעם אויבערשטנ'ס תורה און אין מקיים-זיין זיינע מצוות, "בחוקותי תלכו ו[את] מצוותי תשמרו ועשיתם אותם",

אַז אין צוגאָב צו די אַלע ברכות וואָס זיי פאַרדינען מצד עצמם, אַלס אידן און אַלס מחנכים וכו' – קומט זיי אויך צו די ברכות וואָס זיי האָבן זוכה געווען דורך דערויף וואָס זיי האָבן מצליח געווען אין זייער אַרבעט אין אַן אופן פון "יגעת", אויף מחנך זיין די קינדער, אַז ניט קוקנדיק אויף זייער פאַרשידנקייט זאָלן זיי זיך צוזאַמענקלייבן ווען זיי דערהערן, אַז דאָס רעדט זיך וועגן אַן ענין פון אידישקייט, און דאָס רעדט זיך וועגן דערויף, אַז

דורך דעם צוזאַמענקלייבן זיך צוזאַמען זאָל מען אָננעמען גוטע החלטות אויף נאָכמערער צוגעבן אין לערנען תורה און מקיים-זיין מצוות, כולל דעם ענין פון אהבת ישראל ביז צו אחדות ישראל.

וואָס דאָס - כאמור - איז מבטל אַלע ענינים וואָס זיינען ניט-געוואונטשן, און ס'קומט די ברכת השם, און וואָס דאָס ווערט געגעבן פון דעם אויבערשטן "בעין יפה" און "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה".

כולל אויך - אַ הצלחה, אַז די אַלע גוטע באַשלוסן וואָס מ'וועט אָננעמען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צוזאַמענקומען זיך, קינדער - אינגעלעך באַזונדער און מיידעלעך באַזונדער, אָבער דאָס איז נאָר באַזונדער אין דעם אָרט וואו זיי זיצן מצד ענינים פון צניעות, אָבער זיי זיינען אַלע צוזאַמען "נצבים כולכם לפני הוי' אלקיכם", זיי שטייען אַלע צוזאַמען, און - "נצבים", אין אַן אופן פון שטאַרקייט, און שטייען "כולכם", ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ "לאחדים" - ווי איין און איינציקע מציאות, כדי צו מקיים-זיין די תורה אחת, די איין און איינציקע תורה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן יעדער אידן און אַלע אידן,

וואָס תורה באַשטייט דאָך פון תרי"ג מצוות, פון אַ סך צוות, "ועלמות אין מספר", אַז ס'איז אַ סך תורה, ביז "ארוכה מארץ מדה" - אָבער די אַלע פרטים ווערן פאַראייניציקט אין איין מציאות פון אַ "תורה אחת", אַזוי אויך ווי אידן, וואָס זיי זיינען דאָך געבענטשט געוואָרן, אַז ["ה' אלקיכם הרבה אתכם . . ככוכבי השמים לרוב . . יוסף עליכם ככם אלף פעמים גו'"] ביז וואַנענט אַז מ'וועט זיי ניט קענען ציילן ["לא ימד ולא יספר מרוב"] - דערפאַר וואָס ס'וועט זיין נאָך העכער פון דעם גאַנצן ענין פון ציילן,

צוזאַמען דערמיט, וויסנדיק, אַז מ'איז טאַקע אָפּגעטיילט און מ'איז אַ ריבוי מופלג, גאָר אַ סך, איז בשעת ס'קומט צו זאַכן פון אידישקייט שטייט מען "קוממיות" - אַלע צוזאַמען ווי אַן איין און איינציקער פאָלק, וואָרום זיי זיינען פאַרבונדן און פירן זיך אויף לויט "תורה אחת„

וואָס זי איז דאָך געגעבן געוואָרן פון "הוי' אחד„ פון דעם אויבערשטן וואָס ער איז אַן איין און איינציקער, און פירט-אָן מיט אַ וועלט וואָס זי באַשטייט פון אַ ריבוי עצום - פון אַן אונצאָליקע צאָל פון פרטים - און פירט דאָס אָן מיט אחדות הפשוטה, צו דעם איין און איינציקן תכלית - אַז די וועלט זאָל ווערן אַ "דירה בתחתונים".

און יעדערער פון אָט די קינדער, דורך דערויף וואָס ער וועט נאָכמער צוגעבן אין אידישקייט, ו"המעשה הוא העיקר" - אין זיין לערנען תורה און אין זיין מקיים-זיין מצוות בהידור - גיט ער נאָכמערער צו אין דעם אַלעם, אַז דעם אויבערשטנ'ס וואונטש, אַז ס'זאָל זיין אַ "דירה בתחתונים" - זאָל זיין בגלוי, אין אַן אַנטפּלעקטן אופן, און אין אַן אָפענעם אופן.

בפרט נאָך, אַז ווי מ'זעט - אפילו ניט אידן - אַז אידן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ טאָג וואָס ביי ניט-אידן איז דאָס אַ וואָכעדיקער טאָג, און זיי לייגן-אָפּ און פאַרגעסן


The Living Archive


DO NOT CROSS
The Living Archive

אויף אַלע וואָכעדיקע זאַכן, און טראַכטן און באַשליסן ווי אַזוי מ׳שטייגט נאָך העכער אין אידישקייט און ווי אַזוי מ׳איז נאָך בעסער מקיים דעם אויבערשטנ׳ס אָנזאָג.

און דאָס היילט אויך צו, אַז דער אויבערשטער איז מקבץ פזורנו מכל הגויים, וואָס אידן זיינען דאָך פאַנאַנדערגעשפרייט אין אַ ריבוי - אין גאָר אַ סך - ערטער, און פאַנאַנדערגעשפרייט אויך אין פאַרשידענע זאַכן פון זייער טאָג-טעגליכן לעבן, און אינו דומה זה לזה,

איז בשעת ס׳קומט צו דעם ענין וואָס ס׳איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן - קלייבן זיי זיך אַלע צוזאַמען, און ס׳ווערט אַ קול אחד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם ״קול גדול״ פון מתן תורה.

און ברענגט דערנאָך אַראָפּ, דורך דערויף וואָס מ׳פירט-דורך די אַלע באַשלוסן, ובשמחה ובטוב לבב - אַז ס׳ווערט מקויים דער צוזאָג פון דעם אויבערשטן, אַז ״קהל גדול ישובו הנה״, אַז גאָר אינגיכן וועט יעדער איד און אַלע אידן צוזאַמענגעקליבן ווערן דורך דעם אויבערשטן אַליין,

ובלשון הכתוב ״ואתם תלוקטו לאחד אחד״, ווי רש״י טייטשט דאָס אָפּ, אַז דער אויבערשטער נעמט יעדער אידן ביים האַנט, און גייט מיט אים צוזאַמען אַרויס פון גלות,

און בשעת אַלע גייען מיטן אויבערשטן, מיט ״השם אחד״ - איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז זיי שטייען אַלע אין אַן אופן פון ״קהל גדול„, און זיי גרייטן זיך אויך צו צו דעם מעמד ומצב דורך אחדות ישראל,

און עס קומט אַראָפּ בפשטות, די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

ג. די צווייטע הויפּט-זאַך וואָס מ׳פייערט און מ׳מאַכט אַ שמחה גדולה ל״ג בעומר, איז דאָך דאָס אויך - ווי דערציילט אין מדרשים - פאַרבונדן מיט רבי שמעון בן יוחאי, וואָס ער איז אויך געווען איינער פון די תלמידים פון רבי עקיבא, און נאָכמערער - איינער פון די הויפּט-תלמידים פון רבי עקיבא,

און בשעת ס׳איז געקומען ל״ג בעומר, און ווי דערציילט אין מערערע ערטער, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז ״יום שמחתו״, אַז דאָס איז אַ טאָג וואָס דאָס איז זיין שמחה, און דערפאַר בעט ער און ערוואַרט פון יעדער אידן און פון אַלע אידן, אַז זיי וועלן זיך אויך פרייען מיט אים אין זיין שמחה,

וואָס דעמולט ווערט דאָס נאָכמער שמחה ביי דעם בעל השמחה, ביי רבי שמעון בן יוחאי - ווען ער זעט, אַז מערערע אידן - ביז אַלע אידן - זיינען זיך משתתף בשמחתו.

ווי דער פסק-דין פון רמב״ם, אַז אַן אמת'ע שמחה איז, ווען דאָס איז ניט פאַר-זיך, נאָר דאָס נעמט אַריין אין זיך די בני-בית און דעם גאַנצן אַרום, ״וברוב עם הדרת מלך״ - וואָס מערער אידן און מענטשן אַרום זיך.

פאַרוואָס איז געווען די שמחה פון ר׳ שמעון בן יוחאי במיוחד אין ל״ג בעומר?

וואָס דאָס איז דאָך אויך נוגע - וויבאַלד אַז מיר נעמען איינטייל אין זיין שמחה - כדי צו וויסן וואָס אונטערשטרייכן און וואָס מיר זאָלן דערפון אָפּלערנען אין אַ המעשה הוא העיקר,

און וויבאַלד אַז ווי מנהג ישראל איז, אַז בשעת ס׳קומט ל״ג בעומר, איז אַ עיקר שמחה מאַכט מען גאָר מיט קליינע קינדער, ווי מ׳זעט דאָס אויך איצטער ביי דעם צוזאַמענקלייבן זיך, אַז דער עיקר איז דאָס צוליב קליינע קינדער, אידישע אינגעלעך און אידישע מיידעלעך, נאָר אין זייער זכות און דורך זיי - באַטייליקן זיך - זיינען זיך משתתף - אין דעם אויך דערוואַקסענע, ובפרט זייערע עלטערן און זייערע מחנכים -

איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז גאָר קליינע אינגעלעך און מיידעלעך קענען אָפּלערנען פון ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס הנהגה, און ספּעציעל - פון זיין שמחה אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר, אין אַזאַ אופן, אַז דאָס איז נוגע צו זייער אויפפירונג ביז צו זייער אויפפירונג אין טאָג-טעגלעכן לעבן.

און ווי גערעדט מערערע מאָל, אַז אַ יום-טוב על-פּי תורה וואָס מ׳פייערט אים מערניט ווי איין מאָל אַ יאָר - איז ״התורה היא נצחית״: דאָס איז ניט ח״ו אַן אָפּלערנונג מערניט ווי אויף עם טאָג, נאָר אין דעם טאָג שטייט דאָס אָפּענעהייט און גאָר אין אַ שטאַרקן אופן, כדי דאָס זאָל קענען דערנאָך געבן חיות און לעבעדיקייט און מער פאַרשטענדעניש אין דעם רוח מיט דעם אינהאַלט - אין די טעג פון דעם גאַנצן יאָר וואָס קומט דערנאָך, ביז וואַנענט מ׳וועט פייערן ל״ג בעומר נאָכאַמאָל, מיט נאָך אַ גרעסערע און באַנייטע לעבעדיקייט און שטאַרקייט.

דערציילט ער דאָך אין זהר, אַז ר׳ שמעון בן יוחאי האָט זיך געפרייט ל״ג בעומר, דערפאַר וואָס ביי אים איז דעמולט געווען ״בי׳ אחידא בי׳ להיטנא ובי׳ [אתדבקת]״, אַז ער האָט דערפילט, אַז דאָס איז דער טאָג וואָס דעמולט וועט ער זיך פאַרבינדן נאָכמערער מיטן אויבערשטן:

אין צוגאָב דערצו וואָס אַלע יאָרן זיינע איז ער דאָך געשטאַנען אין אַ שטענדיקן מסירת-נפש און ״תורתו אומנתו״, האָבן צוטאָן מערניט ווי מיט לערנען דעם אויבערשטנ׳ס תורה - איז צו גוט איז דאָך ניטאָ קיין שיעור, ובפרט צום פאַרבונד מיטן אויבערשטן,

האָט ר׳ שמעון בן יוחאי דערפילט, אַז ל״ג בעומר וועט דאָס זיין דער טאָג וואָס דעמולט וועט זיין זיין פאַרבונד מיטן אויבערשטן ״[בחד קטירא אתקטרנא״, ״בי אחידא בי׳ להיטא בי׳ אתדבקת]״, אַלע דריי לשונות ווי ער ברענגט אַראָפּ אין ״זיין ספר״, אין ספר הזהר.

וואָס דאָס לערנט יעדערן; וויבאַלד אַז מ׳דערציילט דאָס אין תורה, וואָס תורה דערציילט ניט סתם ערציילונגען, נאָר דאָס גיט הוראות און אָנווייזונגען, און ווי געזעדט אויך פריער בנוגע צו קליינע קינדער,

אַז אַ אידיש קינד, גלייך ווי ער ווערט געבאָרן, איז דאָך מנהג ישראל, אַז מ׳רינגלט אים אַרום מיט שמות קדושים – מיט נעמען פון דעם אויבערשטן – כדי אַז שוין פון דער ערשטער רגע וואָס ער קומט אין דער וועלט, זאָל ער שוין דערזען, אפילו מיט עיני בשר – אפילו מיט זיינע אויגן וואָס זיי קוקן אין ער וועלט – איז די ערשטע זאַך וואָס ער דערזעט, זעט ער אַ שם קדוש, דעם אויבערשטנ׳ס אַ נאָמען, אָדער אַ קמיע און ענליכעס.

און זיכער נאָך, אַז דערנאָך, אַז דער וואַקסט און [עס] קומט אים צו – אין צוגאָב וואָס ס׳קומט-צו אין גוף, איז דאָך אַ זיכערע זאַך אַז ס׳קומט-צו אין נשמה, אין זיין רוחניות, אין זיין פאַרבונד מיטן אויבערשטן – ווערט זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן אַלץ מערער און מערער.

וואָס דאָס קומט די אָפּלערנונג פון ל״ג בעומר און זאָגט יעדער אידיש קינד, אַז כאָטש מיט אַ טאָג פאַר-דעם – פאַר דעם ל״ג בעומר – איז ער אויך געשטאַנען אין פאַרבונד מיטן אויבערשטן,

ביז אין אַן אופן, אַז דער אָנהויבס פון זיין טאָג איז געווען, נאָך איידער ער עסט און טרינקט, אפילו איידער ער זאָגט וואָס פאַר אַ ברכה עס זאָל ניט זיין, אפילו נאָך איידער ער וואַשט נעגל-וואַסער, זאָגט ער גלייך און פאַרבינדט זיך מיטן אויבערשטן דורך זאָגן ״מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך, אַז ער פילט שוין ביי דעם ערשטן רגע פון זיין טאָג-טעגליכן לעבן – כאָטש ער איז נאָך גאָר אַ קליין קינד – הויבט ער גלייך אָן, אַז ער אַנערקענט, אז דער אויבערשטער האָט אים אומגעקערט זיין נשמה, און דער אויבערטשער מאַכט אים לעבעדיק,

וואָס דערפון איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז לויט זיין שכל – כאָטש דאָס איז נאָך אַ שכל פון אַ קליין קינד – טוט ער ״בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאד״, וויבאַלד אַז ער ווייס, אַז זיין נשמה האָט אים ערשט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן פון דאָס-ניי דעם טאָג אינדערפרי –

איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ״בי׳ אחידנא״ און ״בי׳ להיטנא״ און ״בי׳ אתאחדנא״, אַז ער פאַראייניציקט זיך מיט זיין נשמה, און דורך דערויף פאַראייניציקט זיך מיט דעם נותן הנשמה, מיט דעם מחזיר הנשמה, מיט דעם אויבערשטן וואָס האָט אים ערשט אומגעקערט די נשמה פון דאָס-ניי –

ווערט ביי אים דער גאַנצער טאָג, אַ טאָג וואָס ער איז פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן; אַ נשמה בגוף דוקא, און אדרבא – דאָס גיט נאָך מערער צו אין זיין חיים בעולם הזה הגשמי, אַז ער ווערט נאָכמער געזינטער, וואָרום ער מאַכט געזינטער זיין נשמה, אָנהויבנדיק דורך זאָגן ״מודה אני לפניך שהחזרת בי נשמתי״, און דערנאָך אויפפירן זיך אַזוי דורך דערויף

נאָך דעם וואַשן נעגל-וואַסער און זאָגן ברכת השחר און לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, יעדערער לפום שיעורא דיליה –

באַקומט ער דעם אויבערשטנ׳ס ברכות אויך אין אַ געזונטן טאָג, און אַ געזונטן יאָר, און אַ געזונטן לעבן – געזונט בגשמיות וברוחניות גם יחד.

דערנאָך איז נאָך דאָ אויך אַ וויכטיקע אָפּלערנונג, וואָס ניט קוקנדיק אויף די הויכקייט פון ר׳ שמעון בן יוחאי,

וואָס ווי ער זאָגט אין ירושלמי האָט רבי עקיבא געזאָגט [וואָס ער איז געווען דער רבי פון פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים, וואָס יעדערער פון זיי האָט פאַרדינט דעם טיטול, אַז מ׳זאָל זאָגן אויף אים, אַז מ׳גיט אויף אים אַ קוק – זעט מען, אַז דאָס איז רבי עקיבא׳ס אַ תלמיד, האָט ער געזאָגט], אַז רבי שמעון בן יוחאי טיילט זיך אויס נאָכמערער אין דעם ענין פון אַלע זיינע תלמידים, וואָס "אני ובוראך מכירין כוחך", אַז דערגרונטעווען זיך און דערקענען ווי מ׳דאַרף דערקענען רבי שמעון בן יוחאי׳ס הויכקייט – איז דאָס מערניט וואָס דער אויבערשטער און רבי עקיבא האָבן זיך געקענט דערצו דערגרונטעווען און אַנערקענען. וואָס דערפאַר איז דאָך אויך פאַרשטאַנדיק, ווי ס׳איז געווען די אויפפירונג און ווי ס׳איז געווען די הויכקייט,

צוזאַמען דערמיט האָט ר׳ שמעון בן יוחאי זיך פאַרבונדן מיט יעדער אידן און מיט אַלע אידן,

ווי דערמאָנט פריער, אַז ער וויל, אַז יעדער איד זאָל נעמען אַיינטייל אין זיין "שמחה גדולה", און ער האָט אויך געזאָגט "יכולני לפטור את כל העולם כולו מן הדין", אַז ער פאַרבינדט זיך מיט יעדערן וואָס געפינט זיך אין דעם אויבערשטנ׳ס וועלט, און גיט אים אָפּ זיינע זכיות, כדי באַפרייען אים פון ענינים פון דין, במילא ווערט נמשך אך טוב בטוב הנראה והנגלה.

וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן דערמיט וואָס ס׳איז געווען "תורתו אומנתו", אַז זיין "פאַך", זיין אמת׳ע "באַשעפטיקונג", איז געווען – דער ענין פון לערנען תורה; נאָך מערער וויפל ס׳איז געווען ביי אַלע איבעריקע תלמידים פון רבי עקיבא – איז דאָס געווען ביי ר׳ שמעון בן יוחאי.

וואָס אָט דאָ ווערט דאָך די שאלה: אויב רבי עקיבא׳ס תלמידים זיינען געווען ניט אין דעם צושטאַנד, ניט אין דער עובדה פון "תורתו אומנתו", ווי ר׳ שמעון בן יוחאי – ווי קומט דאָס, אַז מ׳דערציילט דאָס און מ׳זאָגט, אַז מ׳דאַרף דערפון אָפּלערנען אפילו ביי קליינע קינדער?!

איז ווי גערעדט שוין אַמאָל בארוכה, איז אדרבא: דוקא קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן ניט קיין דאגות, און זיי דאַרפן זיך ניט עוסק זיין אין ענינים של פרנסה, וואָרום זייערע גוטע עלטערן פאַרזאָרגן זיי מיט אַלע זייערע צרכים – מיט אַלעם מיט וואָס זיי נויטיקן זיך – אַזוי אַז זיי זאָלן האָבן די פולע פרייקייט פון אַלע דאגות און קענען ממלא-זיין זייער

שליחות, וואָס דאָס איז, אַז "משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה": רעדן אין תורה און דערנאָך אויך פאַרשטיין תורה,

איז דוקא ביי קליינע קינדער, איידער מ'האָט די דאגות פרנסה, קען זיין לייכטער "תורתו אומנתו", אַז זיי זאָלן אויסנוצן זייער פולע צייט אויף לערנען דעם אויבערשטנ'ס תורה, און לערנען די תורה ווי דער אויבערשטער וויל, וואָס דאָס איז דער "גדול לימוד שמביא לידי מעשה", אַז דאָס ברענגט צו מקיים-זיין מצוות,

און טאָן דאָס מתוך מנוחה – רואיקערהייט, וואָרום זיי האָבן ניט קיינע דאגות, קענען זיי אין דערויף טאָן אַלץ מערער און מערער, צוגעבן פון טאָג צו טאָג נאָך מערער.

וואָס על דרך זה איז אויך באַוויזן זיי אַ לעבעדיקןביישפיל און ווירקן אויך אין אויף זייערע עלטערן, "והשיב לב אבות על בנים – על ידי בנים",

אַז בשעת די עלטערן זעען, ווי אַזוי זייער קליינער זון, אַ קליינער אינגעלע, און ווי אַזוי זייער קליינע טאָכטער, אַ קליינע מיידעלעך, איז ווען נאָר זיי האבן אַ פרייע מינוט כאַפּט מען זיך צו מיטן גרעסטן חשק אויף זאָגן אַ פסוק אין תורה אָדער אַ וואָרט אין תורה שבעל-פה –

מאַכט דאָס אויף זיי דעם טיפסטן איינדרוק און דעם ברייטסטן איינדרוק און דעם לענגסטן איינדרוק, אַז אויך זיי זאָלן טאָן אַלץ וואָס זיי קענען, אויף אויסנוצן יעדער פרייע מינוט, און זיך משתדל זיין, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס מערער פרייע צייט, באַפרייען זיך פון אַלע דאגות פון וועלכע [נאָר] מ'קען זיך באַפרייען – כדי אַז ס'זאָל זיין אָט די גליקליכע שעות ווען מ'האָט מנוחת הנפש – צוזאַמען מיט מנוחת הגוף – זאָל דעמולט זיין דער איין און איינציקער "פאַך" זייערער – זאָל דאָס זיין "תורתו", דער לימוד התורה.

און ווי געזעדט מערערע מאָל:

אַן אומן – אַ פאַכמאַן – איז עסט ער און טרינקט און שלאָפט און טוט פאַרשידענע-ערליי זאַכן. פונדעסטוועגן, אַז מ'פרעגט: אין וואָס לעבט ער און אין וואָס קאָכט ער זיך און אין וואָס באַווייזט ער זיינע כשרונות און זיינע מעגלעכקייטן? – איז באַווייזט ער דאָס אין דער זאַך אין וועלכע ער איז דער פאַכמאַן.

וואָס אָט אַזוי איז אויך: ס'איז דאָך יעדער מענטש – אויך אידן – איז על פי תורה, און ווי ס'האָט איינגעשטעלט דער אויבערשטער, וואָס מ'דאַרף אָפּגעבן עפּעס-וואָס צייט אויף עסן און טרינקען און שלאָפן וכיו"ב –

דאַרף אַ איד געדענקען, אַז וואָס איז זיין "פאַך"; אפילו בשעת ער עסט און טרינקט און שלאָפט, איז אויך וואָס חלומ'ט זיך אים? איז ווי מ'זעט דאָס ביי אַ פאַכמאַן, איז דאָס וואָס ער טראַכט בייטאָג חלומ'ט זיך אים ביינאַכט, "רעיונך על משכבך סליקו" – חלומ'ט זיך אים ענינים פון דעם פאַך.

אַ זיכערע זאַך, אַז בשעת ער עסט און טרינקט ווייס ער, אַז דאָס איז ביי אים מערניט ווי אַ דבר טפל – אַ צוקומענדיקע זאַך – דער עיקר זאַך איז, איז דאָס איז זיין "אומנות".



The Living Archive

וואָס וואָס איז דער "פּאַך" פון יעדער אידן און פון אַלע אידן, אפילו בשעת ער איז אוכל ושותה ומטייל וישן - איז דער פּאַך זיינער איז "תורתו„, די תורה וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, ביז אין אַן אופן, אַז דאָס איז געוואָרן "מורשה", אַ ירושה, און דאָס ווערט די תורה פון דעם אידן, "נקראת על שמו".

וואָס דערפאַר איז אויך בפשטות, קען יעדערער - אפילו אַ בעל-עסק און אפילו אַ טרוד, אפילו רח"ל אַ בעל יסורים, ווי דער רמב"ם פסק'נט אָפּ - קען ער שטיין, באַשטימטע צייטן פון זיין טאָג אין אַן אופן וואָס זיין "פּאַך" דעמולט איז מערניט ווי תורה,

און די צייטן ווערן ביי אים דער עיקר פון דעם גאַנצן טאָג, במילא באַלעבט דאָס און נעמט-דורך די איבעריקע שעות פון טאָג, אַז דער גאַנצער טאָג איז ער אין אַ מעמד ומצב פון אַ "פּאַכמאַן"; אין וואָס איז זיין "פּאַך" - אין דעם ענין פון תורה.

און ווי געזאָגט פריער: אין דערויף באַוויזן אַ לעבעדיקן ביישפּיל קליינע קינדער, נאָך איידער זיי האָבן עפּעס-וואָס פאַר אַ דאגות, וואָס דעמולט איז מען זיי מחנך דורך גוטע עלטערן און דורך גוטע מדריכות, אַז זיי זאָלן וויסן זיין גלייך "משמתחיל לדבר", אַז גלייך נאָר ווי זיי קענען אָנהויבן רעדן, איז אין וואָס באַשטייט זיין רעדן - און איר רעדן - אַז "אביו מלמדו תורה„, ער לערנט אים [תורה], אָנהויבנדיק פון דעם פסוק "תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב", און דערנאָך די אַלע פּרטים ווי ס'שטייט אין דער תורה.

וואָס דאָס גיט-צו נאָכמערער נחת, אַז מ'האָט געזונטע קינדער ברוחניות, ווערט אַ זיכערע זאַך "געזונטע" קינדער אויך בגשמיות, וואָרום ס'איז ניט שייך, אַז זיי זאָלן עסן - בפשטות - אַ מאכל המזיק, וואָרום דער עסן פון דעם קינד איז וואָרום ער וויל מאַכן אַ ברכה צו דעם אויבערשטן, "שהכל נהי' בדברו", און וויל האָבן די שטאַרקייט אויף מקיים זיין דעם אויבערשטן תורה ומצוות, און ניט אים ציט-צו אַזוי די געשמאַקקייט און די זיסקייט פון דעם עסן און טרינקען -

איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז דער קינד וואַקסט אויף ניט ח"ו אַ זולל וסובא און ער כאַפּט זיך עסן אַ זאַך וואָס זעט-אויס שיין און זיס, כאָטש אפילו דאָס איז אים מזיק, וואָרום ביי אים פאַרנעמט דער אָרט, די תועלת - דער נוצן - וואָס ער האָט פון דעם עסן און טרינקען, צוליב דורכפירן זיין "פּאַך", וואָס אַ פּאַך פון אַ אידישן קינד איז - דער ענין פון תורה.

וואָס דאָס איז אויך די אָפּלערנונג - ווי געזאָגט - פון "תורתו אומנתו" פון ר' שמעון בן יוחאי, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט יעדער איד און מיט אַלע אידן עד סוף כל הדורות,

על אחת כמה וכמה אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט תינוקות של בית רבן, "הבל שאין בו חטא", וואָס דאָס איז דאָך דער ענין וואָס "אין בו חטא" סיי ביי אינגעלעך און סיי ביי מיידעלעך,

ובפרט נאָך ווי מ'איז מחנך אידישע מיידעלעך איצטער, אין זמן האחרון, אַז מ'לערנט מיט זיי אַ ריבוי ענינים אין תורה, אָנהויבנדיק נאָך גאָר פון אַ קליינעם עלטער, גלייך משמתחילין לדבר.

כולל אויך, אַז מ׳איז זיי מחנך, אַז זיי זאָלן מאַכן ליכטיק די הויז יעדער ערב שבת דורך אָנצינדן אַ נר של שבת - און אַזוי אויך אַ נר של יום טוב - אויב נאָך הגיעה, זי דערגרייכט דעם עלטער, אַז זי קען שוין זאָגן די ברכה, און זי פאַרשטייט שוין דעם חילוק פון ליכטיקייט און ניט-ליכטיקייט בגשמיות.

וואָס דאָס איז דאָך אויך די מעלה און דער אויפטו פון אַ נר שבת ויום-טוב, אַז צום אַלעם ערשטן איז דאָס ״קדשנו במצוותיו וצונו״, אַז דאָס איז דעם אויבערשטנ׳ס אַ מצוה, אַ ״נר מצוה״; דאָס איז אָבער אַזאַ מצוה - וואָס מאַכט אויך ליכטיק בגשמיות, ״שלא יכשל״, זי מאַכט בפשטות ליכטיקער די הויז, ביז אין אַזאַ אופן, אַז אפילו אַ ניט-איד, אַז ער גייט אַריין אין דער הויז, און ער דערזעט אַז ס׳איז צוגעקומען אין דער ליכטיקייט דורך נאָך אַ ליכטעלע פון גאָר אַ קליינע מיידעלעך - דערזעט ער, און אויך על פי שולחן ערוך, אַז ס׳איז צוגעקומען אין אורה כפשוטה.

עאכו״כ ווי דאָס קומט-צו בפנימיות הענינים - אין די רוחניות פון דער הויז, ווי מ׳זעט דאָס אויך בפועל.

וואָס דאָס איז - כאמור - אַז ר׳ שמעון בן יוחאי גיט אַ כח מיוחד און אַ זכות מיוחדה דורך דערויף וואָס ער פאַרבינדט זיך מיט יעדער אידן ופוטר כולם מן הדין, אויך גאָר קליינע קינדער, וואָס זיי טרעפט זיך אַמאָל - ח״ו - אַז זיי האָבן אויף זיך אַ דין צוליב די עלטערן, וואָס די עלטערן האָבן דאָך דערנאָך דורך דעם אַן אומרואיקייט: ווי קומט דאָס, אַז זיי האָבן גורם געווען אַזאַ זאַך -

האָט ר׳ שמעון בן יוחאי דאָס אַראָפּגענומען; אַראָפּגענומען דעם דין פון די עלטערן, במילא וואַקסן די קינדער געזונטערהייט ברוחניות, עאכו״כ געזונטערהייט בגשמיות, ובגשמיות וברוחניות גם יחד,

און מ׳האָט פון זיי אמת׳ן נחת, אָן קיינע דאגות, און מ׳האָדעוועט זיי מתוך הרחבה אין אַלע הינזיכטן.

וואָס דאָס איז אויך ווי ר׳ שמעון בן יוחאי האָט מגלה געווען אַן ענין אין תורה, וואָס לכאורה דאַרף מען דאָך האָבן אַן ערקלערונג:

מ׳לעבט אין אַ וועלט צווישן מערערע אומות, אַ סך אומות, און וואָס די וועלט שטייט אין אַ מעמד ומצב פון ״החושך יכסה ארץ״: די ליכטיקייט פון צדק ויושר, איז דאָ טיילן אין וועלט וואו ס׳האָט נאָך דערווייַלע ניט דערגרייכט, און גאָר גרויסע טיילן,

ביז צו אָט די אידן במיוחד, וואָס זיי געפינען זיך מאחורי מסך הברזל צוזאַמען מיט זייערע קליינע קינדער, און האָבן גאָר גרויסע שוועריקייטן אויף ערציען זייערע קינדער אין דעם וועג ווי דער אויבערשטער וויל, אין לערנען תורה און מקיים-זיין מצוות.

וואָס דאָס איז דאָך די גרעסטע ברכה און די גרעסטע פרייהייט, וואָס מ׳דאַרף זיך שעצן גליקלעך די עלטערן וואָס לעבן אין די מדינות וואָס מ׳האָט ניט קיין שטערונגען אין מחנך זיין די קינדער אין דעם אויבערשטנ׳ס וועג כל הימים כולם - אַלע טעג פון יאָר - און

ספעציעל נאָך מיט אַ באַנייטע לעבעדיקייט און חיות אַז ס׳קומען ״יומין זכאין״, אויף באַשליסן דעמולט – אין די ספעציעלע טעג – אויף נאָכמער צוגעבן אין דעם אידישן חינוך פון זייערע קינדער,

און זיך אָפּלערנען פון דער מסירת-נפש פון די אידן וואָס געפינען זיך אין יענע מדינות, אַז ניט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, שטעלן זיי אויף און האָדעווען אויף און שטעלן אויף אַ דור ש״הם הכירוהו תחילה״,

אַז גאָר אינגיכן, ווען דער אויבערשטער וועט זיי באַפרייען און אַרויסנעמען זיי פון דעם אחורי מסך הברזל – וועט מען זעען ווי אַזוי זיי שטעלן-צו ״צבאות השם״, מחנות פון אידישע אינגעלעך און אידישע מיידעלעך וואָס זאָגן ״מודה אני״ און זאָגן ברכות און גייען אין אידישן לעבן אין אַן אופן פון ״קוממיות״.

וואָס דאָס גיט נאָכמערער צו אין דער שטאַרקייט בנוגע צו דעם חינוך וואָס מ׳דאַרף געבן קינדער אין די פרייע לענדער, אויף וויפל מ׳דאַרף זיך ניט רעכענען מיט די שוועריקייטן וואָס מ׳האָט [דאָ] – אויב אפילו ס׳איז דאָ שוועריקייטן, איז זיינען זיי אויך שלא בערך – קיין פאַרגלייך ניט – צו די שוועריקייטן וואָס מ׳האָט דאָרטן, און מ׳שטייט מיט מסירת-נפש און מ׳שטעלט-אויף שטאָלצע אינגעלעך און מיידעלעך, שטאָלץ מיט זייער אידישקייט.

אַזוי אויך בהנוגע – און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, וויבאַלד אַז מ׳דאַרף ניט האָבן קיין מסירת-נפש בפשטות, מערניט ווי מסירת הרצון, אַז יעדער מוטער און יעדער פאָטער באַשליסט, אַז ער גיט נאָכמערער צו אין דעם חינוך – אין דער ערציאונג – פון זיינע קינדער נאָך גאָר פון קליין-[ווייז]-אָן, פון קינדער-גאַרטן אָן, אַז ער גיט זיי דעם ״מאַקסימום״, די גרעסטע מאָס פון אידישקייט.

און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אין דעם וואָס ס׳הענגט-אָפּ די ערציאונג פון די עלטערן, דורך באַווייזן אַ לעבעדיקן ביישפּיל – באַווייזט ער זיי – אָדער זי, דער פאָטער אָדער די מוטער – אַ לעבעדיקן ביישפּיל ווי אַזוי יעדער רגע פון טאָג איז דאָס אַ אידישער הויז און אַ אידישער פאָטער און אַ אידישע מוטער,

ניט נאָר מצד דעם וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן, אָדער זיי פירן זיך אַזוי אויף אין אָנהויבס טאָג, נאָר יעדער רגע פון טאָג איז ער דאָך לעבעדיק און האָט אין זיך די ״נשמתי״ ״שהחזרת בי״ – איז ביי אים יעדער רגע פון טאָג אַ אידישע רגע.

ווערט דאָך די שאלה: ווי אַזוי קען מען דאָס דורכפירן, בשעת מ׳האָט שכנות אַרום זיך, און פעלקער אַרום זיך, און יענע איז אַמאָל ״מלעיגין״, זיי שפּאָטן-אָפּ, אַז ווי קומט דאָס, אַז מ׳גיט קינדער אַן ערציאונג, וואָס איז לכאורה ניט פאַרבונדן מיט מאַכן נאָך אַ דאָלער, וואָרום מ׳לערנט מיט זיי גאָר ענינים פון תורת משה, וואָס איז געגעבן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין אַ מדבר, און ער לערנט דאָס מיט אים ווי דער קינד געפינט זיך אין היינטיקן יאָר און אין היינטיקע מדינות מיט אַלע ענינים וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן?

זאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי, אַז ״כל מקום שגלו שכינה עמהם״.

אַז ס׳איז ניט דער פשט – ח״ו – אַז אַ איד געפינט זיך אין גלות און דער אויבערשטער געפינט זיך אין זיין ״פּאַלעס״, אין די הימלען, און קוקט-צו פון אויבן וואָס ס׳טוט זיך מיט אַ אידן אונטן און גיט אים ברכות –

זאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי: ניט דאָס איז דער אויפטו! דער אויפטו איז, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אָט דאָרט וואו ס׳געפינט זיך יעדער איד!

און בשעת אַ איד געפינט זיך אין גלות איז ״שכינה עמהם״! געפינט זיך דאָרט דער אויבערשטער צוזאַמען מיט אים אין דעם גלות!

און ס׳איז דאָך פאַרשטאַנדיק: ניט ער געפינט זיך דאָרטן ווי אַ זייטיקער ענין – נאָר ער געפינט זיך דאָרט אין אַן אופן וואָס ״בכל צרתם לו צר״:

בשעת אַ אידן ווערט ענג מחמת דעם ענין פון גלות, צי ס׳ווערט די ענגקייט אין רוחניות, אָדער אפילו בגשמיות – איז אָט דעמולט זאָגט דער אויבערשטער, אַז ער האָט די זעלבע ליידן מיט די זעלבע שוועריקייטן מיט די זעלבע ענגקייט, וואָס דאָס איז ״צרתם״ פון אַ אידן בגלות – וואָס פאַר אַ גלות ס׳זאָל ניט זיין, צי דאָס איז אדום, אָדער ווי דער ערשטער גלות, אין בבל – איז ״בכל צרתם לו צר״.

וואָס דערפון איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אויף וויפל מ׳האָט די סיוע – די הילף – פון דעם אויבערשטן אויף איבערקומען די אַלע שוועריקייטן, וואָרום דער אויבערשטער האָט זיך כביכול אַריינגעשטעלט, אַז ער האָט די זעלבע שוועריקייטן, און ״למה יאמרו הגוים אי׳ אלקיהם״,

און דערפאַר איז דאך פאַרשטאַנדיק די השתדלות פון דעם אויבערשטן, אַז די גאולה זאָל קומען וואָס פריער.

ס׳דאַרף אָבער זיין ״בכל צרתם לו צר״, אַז דאָס זאָל ענג-מאַכן אויך אַ אידן, אַז ער זאָל שרייען ״עד מתי״! וועט שוין קומען די גאולה און דער אויבערשטער וועט אַרויס פון גלות און מיטנעמען מיט זיך און אַלע אידן וועלן אַרויס פון גלות.

און אָנהויבן נאָך דעם ענין – ווי ס׳איז געווען ביי דעם ערשטן גלות פון מצרים, אַז נאָך זייענדיק אין גלות, איז געווען ״לכל בני ישראל הי׳ אור במושבותם״ ו״בטלה עבודה מישראל״ נאָך מיט חדשים פאַר דעם, בראש השנה –

גיט אַזוי אויך דער אויבערשטער די ברכה, אַז נאָך זייענדיק אין גלות ווערט ליכטיק באַ יעדער אידן און ביי אַלע אידן, ליכטיק ברוחניות, ליכטיק אויך בגשמיות.

און אויך ווי אָפּגעטייטשט, אַז ר׳ שמעון בן יוחאי איז ממשיך, אַז ניט דער ענין איז, אַ טאַקע דער אויבערשטער געפינט זיך אין גלות, אָבער ביים אַרויסגיין פון גלות גייט דער אויבערשטער אַרויס מיט אַ צייט איידער די אידן גייען אַרויס, אָדער על כל פנים אַ רגע איידער די אידן גייען אַרויס –

זאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי, אַז אַ איד מעג זיין רואיק, אַז יעדער רגע וואָס ער געפינט זיך אין גלות, מיט קיין איין און איינציקער רגע פאַר דעם גייט דער אויבערשטער אויך ניט אַרויס פון גלות, ואדרבא – ״ושב הוי׳ אלקיך את שבותך״: דער אויבערשטער גייט אַרויס פון גלות – ״את שבותך״! בשעת ער נעמט אַרויס און זעט אַז אידן גייען פון גלות – אָט דעמולט גייט אויך דער אויבערשטער אַרויס מיט זיי צוזאַמען פון דעם גלות!

און נאָך זייענדיק אין גלות, זאָגט ער אין דעם זהר פון פרשה בחוקותי – און אין דעם חותם דערפון, וואָס דאָס איז דאָך נאָענט צו במדבר:

אַז ר׳ אלעזר – דער זון פון ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס ער איז אויך געווען פון ״בני עלי׳״: ״אם שני׳ הם – אני ואליעזר בני״ – איז ״בן יכבד אב״, האָט ער נאָכמער צוגעגעבן אין די ענינים פון ל״ג בעומר, [וואָרום ווי ער זאָגט אין זהר האָט דאָס געזאָגט – דעם ענין אין תורה – ר׳ אלעזר בר׳ שמעון נאָך ל״ג בעומר, נאָך די הסתלקות.

אין וואָס איז באַשטאַנען די תורה, [וואָס די תורה איז געווען ״יכבד אב״ – דאָס האָט נאָכמער צוגעגעבן אין דעם כבוד פון ר׳ שמעון בן יוחאי ווי ער איז געווען פריער ״מכבדו בחייו״, אפילו אין דעם כבוד פון ר׳ שמעון בן יוחאי ווי נאָך ל״ג בעומר; דורך אָט דער תורה האָט ר׳ אלעזר בר׳ שמעון נאָכמער צוגעגעבן].

אין וואָס באַשטייט די תורה? אַז ר׳ אלעזר בר׳ שמעון, אַז בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, איז דאָך דאָס דעמולט בדוגמא פון אַ ״שוק של בורסקי״, אַז מ׳געפינט זיך אין אַן אָרט וואָס דאָרט איז ניט קיין געשמאַקער ריח,

– וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ענין פון גלות, אַז ניט ח״ו, אַז אַ איד ״עסט״ ענינים פון גלות און ס׳ווערט ״דם ובשר כבשרו״, וואָרום זינט יציאת-מצרים איז יעדער איד אַ ״בן-חורין״, ובפרט נאָך ווען ער איז עוסק בתורה – איז דאָס איז דער איינציקער און דער עיקר מעמד פון אַ ״בן-חורין״.

ס׳איז מערניט וואָס ער געפינט זיך אין אַן אָרט וואָס דאָס איז אַ ״שוק״, אַ רשות הרבים, אַ ״מאַרק״, ניט קיין רשות יחידו של עולם בגלוי, און וואָס דאָרט איז דאָ ריחות. אַז דער ריח, וואָס דאָס נעמט אים אַרום אַ גערוך – וואָס דאָס איז ניט קיין געשמאַקער גערוך; דאָס איז ניט דער גערוך פון בית המקדש, וואָס דאָרט איז געווען דער ריח פון די קטורת און ״ריח ניחוח לה׳״פון די קרבנות; דאָס איז אַ גערוך פון גלות!

זאָגט ר׳ אלעזר בר׳ שמעון, אַז בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, און זיינען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ גערוך, ניט לכאורה דער גערוך פון קטורת און ״ריח ניחוח לה׳״, עבודת התפילה ״במקום קרבנות תיקנום״ –

זאָגט ר׳ אליעזר בר׳ שמעון, אַז דעמולט געפינט זיך מיט זיי צוזאַמען דער אויבערשטער – ווי דערמאָנט פריער, אַז דאָס האָט געזאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי – און נאָכמערער, אַז די ריחין פון דעם ״שוק של בורסקי״ ווערט דאָס ״ריחין [טבאן]״:


5744
ADQUARTERS
MESIBOS SHABBOS
שבת
מרכז לעניני חנוך
KOS L'INYONEI
MOSHIACH NO

ביי דעם אויבערשטן איז דאָס אַ געשמאַקער געדרוך, וואָס ער זעט, אַז אַ איד געפינט זיך אין אַ "שוק של בורסקי", אַרומגערינגלט מיט אַ גערוך וואָס ס'איז ניט קיין געשמאַקער, און פונדעסטוועגן לערנט ער תורה און מקיים מצוות און פירט זיך אויף אין אַ אידישן וועג.

ביז עד כדי כך, ווי מ'זעט דאָך, אַז וויפל עלטערן ווילן ניט פאַר זיך – ווילן זיי נאָכמערער פאַר זייערע קינדער – נעמט ער זיינע קינדער און פירט זיי און איז זיי מחנך, אַז זיי זאָלן דורכגענומען ווערן מיט תורה ומצוות, מיט אידישקייט – ניט קוקנדיק וואָס זיי געפינען זיך אין אַ "שוק של בורסקי" מיט אָט די ריחות –

באַקומט דאָס דעמולט ביי דעם אויבערשטן "כיתרון האור מן החושך", אַז וויבאַלד אַז די ריחות האָבן ניט נאָר ניט געשטערט אויף ערציען די קינדער ווי ס'דאַרף צו זיין, נאָר נאָכמערער – דאָס האָט אַרויסגערופן אינעווייניקסטע כוחות ביי די עלטערן, ביי דעם פאָטער מיט דער מוטער, אַז זיי זאָלן זיך נאָכמער משתדל זיין און באַווייזן אַ לעבעדיקן ביישפיל און איינווירקן אויף יעדער אידן צו וועלכן מ'קען דערגרייכן, אַז מ'זאָל דערציען קינדער, אַז זייענדיק נאָך אין "שוק של בורסקי", זאָל ביי די קינדער זיין "אור במושבותם", זיי זאָלן זיין פאַרבונדן מיט "תורה אור", מיט "נר מצוה" –

ווערט דאָס דעמולט אַן ענין, אַז ס'קומט נאָכמער צו אין דער מעלה פון אידן אין די אויגן פון דעם אויבערשטן.

וואָס היילט נאָכמערער צו די גאולה האמיתית והשלימה, אַז דער אויבערשטער זעט אַז מ'איז באַשטאַנען דעם נסיון פון גלות, ואדרבא, זייענדיק אין "שוק של ברוסקי" האָט מען נאָכמער צוגעגעבן אין אידישקייט, ובפרט נאָך אין דעם אופן החינוך פון די קינדער –

היילט דאָס נאָכמער צו אין "ושב הוי' אלקיך את שבותך", אַז דער אויבערשטער נעמט אַרויס יעדער אידן און אַלע אידן פון גלות, און צוזאַמען מיט זיי גייט ער אויך אַרויס.

וואָס דעמולט וועט דאָך זיין ווי מ'האָט אָנגעהויבן לייענען היינטיקער סדרה – במדבר, אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן משה רבינו דעמולט ציילן אידן, נאָך זייענדיק אין מדבר סיני, און ווי ער זאָגט אין מדרש, אַז דער לעצטער ציילן פון אידן וועט זיין דער צענטער מאָל ציילן, וואָס דאָס וועט זיין בביאת משיח צדקנו, וואָס דעמולט וועט מען ציילן אידן פונדאָסניי,

און ציילן זיי – ווי רש"י זאָגט – מתוך חביבות, אַז דאָס באַווייזט אויף אַ ספּעציעלע ליבשאַפט, ווי ס'זעט אַ קליין קינד, אַז בשעת ער האָט אַ זאַך וואָס ער האָט איר ליב, און דאָס איז עטלעכע פּרטים אין דער זאַך – האַלט ער אין איין ציילן און איבערציילן, וויפל חלקים און וויפל פרטים און וויפל "טאָיס" ווי ער רופט דאָס אָן ער האָט, אַז ס'זאָל קיין זאַך ניט פעלן, מצד חביבות שבזה האַלט ער דאָס אין איין ציילן.

זאָגט רש"י, אַז דאָס איז די חביבות פון דעם ציילן פון אידן, וואָס לכאורה, דער אויבערשטער ווייס דאָך זייער צאָל, און וואָס וועט צוקומען אַז מ'וועט ציילן?

וויל דער אויבערשטער באַוויזן, אַז כל עמי ארץ, עאכו״כ אידן, זאָלן זעען אויף וויפל ער האָט ליב יעדער אידן און אַלע אידן, ביז וואַנענט ער האַלט זיי אין איין ציילן,

בפרט נאָך אַרויסגייענדיק פון גלות,

וואָס דאָס ווערט דורך דערויף וואָס מ׳שטייט אין דער תנועה אַז מ׳באַהעפט זיך מיטן אויבערשטן דורך עבודת התפלה, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון עבודת השם, ״עבודה שבלב זו תפילה״, וואָס דורך דערויף וואָס ער ווערט אַן ״עבד מלך״ – איז דעמולט איז נאָך זייענדיק אין גלות איז ״עבד מלך – מלך״:

נאָך זייענדיק אין גלות פירט ער זיך אויף ווי אַ קיסר, וואָס קיינער איז אויף אים קיין בעה״ב ניט, און ס׳מאַכט אויף אים ניט קיין ווירקונג, וואָס דער אַרום זאָגט, ווי אַזוי ער זאָל ערציען די קינדער, וואָרום ער ווייס, אַז זיין קינד איז דאָס בנו של הקב״ה, דעם אויבערשטנ׳ס אַ קינד, וואָס דער אויבערטשער האָט דאָס אים געגעבן דעם טייערן פקדון, אַז זיי – דער פאָטער מיט דער מוטער – זאָלן זיי ערציען אין אַ געזונטן וועג, וואָס דאָס איז דער וועג פון אידישקייט.

וואָס דאָס ווערט דורך דערויף וואָס יעדער קינד הויבט-אָן זיין טאָג מיט אַ תפילה: אפילו ער קען ניט נאָך זאָגן קיין שֵם – זאָגט ער שוין אַ תפילה ״מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך״, וואָס אַן ענין פון אַ תפילה הויבט זיך דאָך אָן – ווי דער רמב״ם זאָגט אין הלכות תפילה אין אָנהויבס – מיט ״שבחו של מקום״, אַזוי טוט דאָס אויך יעדער קליין קינד אין הלכות תפילה.

דערנאָך קומט דאָס אַראָפּ במשך היום אויך אין די ברכות השחר, און די ברכות נאָכדעם – ביז דער ״לעבדו זו תפילה״, וואָס בפשטות גייט דאָס אויף שמונה-עשרה,

איז דאָך אויך אין דעם שיעור פון רמב״ם פון היינטיקן טאָג פון ל״ג בעומר, הויבט ער אָן דעם שיעור און פאַרענדיקט דעם שיעור, אַז אע״פ – כאָטש אפילו – דאָס ווערט אָנגערופן תפילת שמונה-עשרה, אַז ס׳איז לכתחילה ווען מ׳האָט דאָס מתקן, איז דאָס באַשטאַנען פון אַכצן ברכות – מספר ח״י –

הויבט ער אָן דעם שיעור און פאַרענדיקט דעם שיעור, אַז די חכמים האָבן געזעען, אַז מ׳דאַרף צושטעלן נאָך אַ ברכה, און ס׳איז געוואָרן – ווי ער זאָגט אין אָנהויבס און אין סיום – אַז ס׳איז געוואָרן אַ תפילה פון ניינצן ברכות: ס׳איז געבליבן דער ענין, אַז דאָס איז ח״י, ווי דאָס ווערט אָנגערופן ״שמונה עשרה״ – מ׳דאַרף אָבער אויך מתפלל זיין אַ ניינצנטע ברכה.

און ער זאָגט: וואָס איז די זאַך, אַז מ׳האָט משנה געווען און מוסיף געווען אַ ניינצנטע ברכה?

אַזוי ווי מ׳האָט געזען חכמי ישראל, אַז ס׳איז געוואָרן אַ ווירקונג פון דעם ריח פון ״שוק של בורסקי״, אַז מ׳וויל זיך פאַרמעסטן אויף מונע זיין – אויף פרואוון אָפּקערן – לב ישראל פון דעם אויבערשטן, האָט מען אַריינגעשטעלט אַ ספּעציעלע תפילה, זעענדיק אַז

דאָס איז ״בקשת צרכיו״, איז די גרעסטע צרכים פון אַ אידן איז, אַז מ׳זאָל ניט שטערן ח״ו זיין פאַרבונד מיטן אויבערשטן!

- די ערשטע מצוה פון ״יד החזקה״: ״לידע שיש שם מצוי״, און אַ ר״ת דער שם הוי׳, ״יסוד היסודות ועמוד החכמות״ -

איז זעענדיק, אַז דאָס איז דער גרעסטער הכרח, די שטאַרקסטע ״צרכים״ פון יעדער אידן - האָט מען דאָס מוסיף געווען, אַז דער ״חי״ זאָל זיין פאַרבונדן און ס׳איז געוואָרן תשעה עשרה ברכות.

און דאָס איז - כאמור - דער אָנהויבס און אויך דער סיום. וואָס יעדער ענין איז בהשגחה פרטית צוגעפּאַסט צו ל״ג בעומר, וואָס ענינו איז דאָך - ווי דערמאָנט פריער - אַז אין טאָג פון ל״ג בעומר האָט ר׳ שמעון בן יוחאי געזאָגט, אַז [״בחד קטירא אתקטרנא״, ״בי אחידא בי׳ להיטא בי׳ אתדבקת״], אַז ער פאַראייינציקט זיך מיטן אויבערשטן, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין התפילה, אַז מ׳ווערט איין זאַך מיטן אויבערשטן, ״כעבדא קמי׳ מרי׳״, אויס מציאות פאַר זיך; ער איז מערניט [ווי] אויף דורכפירן דעם אויבערשטנ׳ס רצון.

און אָט דעמולט איז דאָך דעם אויבערשטנ׳ס רצון, אויף דורכפירן דעם עיקר כל הברכות - די גאולה האמיתית והשלימה,

וואָס נאָך די ברכה די ניינצנטע ברכה, קומען דאָך דערנאָך אויך די ברכה פון ״את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח״ און ״לישעתך קוינו כל היום״: דעם גאַנצן טאָג, יעדער רגע פון טאָג,

איז דער אויבערשטער מקיים די תפילות כל ישראל און ״צרכים״ פון כל ישראל, נאָך זייענדיק אין גלות, אַז מ׳האָט ״בני חיי ומזוני רוויחי,

- וואָס דערפאַר איז דאָך אויך ל״ג בעומר אַ יום מסוגל אויף די העכסטע ברכה וואָס אין דערויף קען זיין, אויף זרעא חייא וקיימא, ווי דערציילט פון רבותינו נשיאינו,

און דערנאָך קומט דאָס אַראָפּ אויך אין חיי ומזוני, ובכולם רוויחי,

ביז וואַנענט, אַז צוזאַמען וואָס מ׳איז מקיים די בקשת די ״צרכיו״ הכי עיקריים, ״לידע שיש שם מצוי בלתי נמצא״, לידע די מציאות פון דעם אויבערשטן, וואָס דאָס ווערט דורכגעפירט דורך דערויף וואָס די תפילה האָט תשעה עשרה ברכות,

איז אויך ווערט מקויים דאָס וואָס מ׳קומט נאָך דערויף און מ׳איז מתפלל - וואָס דאָס איז דאָך אויך פאַרבונדן מיט ידיעת השם - אַז בקרוב ממש, דורך הפצת המעינות חוצה, ווי דער רעיא מהימנא - ״גואל ראשון״ זה משה - האָט געזאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי, אַז ״בהאי ספרא דילך יפקון בני ישראל ברחמי מבי גלותא״, אַז הפצת פון מעינות פון ר׳ שמעון בן יוחאי וועט אַרויסנעמען אידן פון גלות,

און בשעת מ׳היילט זיך צו אין דער הפצה - היילט מען אויך צו דעם ענין פון ״יפקון ברחמי מבי גלותא״,

וואָס דעמולט וועט אויך מקויים ווערן דער יעוד, ווי דער רמב״ם זאָגט אין הלכות תשובה – און נאָכמער באריכות אין די הלכות וואָס אין די ערשטע דרוקן פון [רמב״ם] שטייט אויף די צוויי פרקים, אַז דאָס איז ״הלכות משיח״ – ״ומלאה הארץ דעה את הוי׳ כמים לים מכסים„,

וואָרום ס׳וועט זיין ״פנויין״, אַז אידן וועלן באַפרייט ווערן פון אַלע-ערליי דאגות און זיי וועלן זיין פריי זייער גאַנצע צייט אויף ״תורתו אומנתו״, ״להיות פנויין בתורה ומצוותי׳״.

וואָס דאָס ווערט די פאַסענדע הכנה און די כלי, אַז אויך ״ומלאה הארץ דעה את הוי׳״, אַז די גאַנצע וועלט ווערט אָנגעפילט מיט ״דעה את הוי׳״, זעען ג-טלעכקייט און וויסן ג-טלעכקייט און דורכגענומען ווערן דורך ג-טלעכקייט וואָרום ״והיתה להוי׳ המלוכה״,

וואָרום ס׳וועט זיין דאָס אין אַן אופן ״כמים לים מכסים״ דורך ״מי הדעת הטהור״,

במהרה בימינו ממש, די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

* * *

ע״פ הוראת כ״ק אדמו״ר שליט״א חזר הרב העכט רק על הקטעים האחרונים (והוסיף מדברי עצמו ע״ד נתינת הצדקה).

* * *

**ד.** נאָך דערויף ווי ס׳איז געוועזן דער ענין התפילה, זאָגנדיק ״יהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״; מ׳האָט דאָך אויך געחזר׳ט פסוקים פון תורה שבכתב און מאמרים פון תורה שבעל פה, און מ׳וועט אויך געבן די קינדער מטבעות אויף געבן אויף צדקה – האָט מען דאָך תורה עבודה וגמילות חסדים,

זאָל זיין דער ״העולם עומד״ און ״העולם קיים״, אין אַן אופן אַז דאָס ווערט אַן עולם אַ ״דירה לו ית׳״, דורך דעם קומען פון משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

**יצא לאור ע"י**

Mendy & Leah Schurder
And their Children

❖

לזכות **יצחק** בן **עדינה**
**וחוה רבקה** בת **חי' טובה גיטל** וכל יו"ח

לזכות

ר' **אליעזר חיים** וזוגתו **רבקה בתי'**

יוצאי חלציהם וכל בני משפחתם שיחיו

**לפידות**

בוענאס איירעס, ארגענטינא